בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת וירא

כ' מר-חשון שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 4
(19)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סֻכּוֹת, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד', מַעֲשֶׂה מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד.

הוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן דִי מַעֲשֶׂה:

'מַעֲשֶׂה נִסִּים'. אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף דֶער מְדִינָה גִירוּשׁ בִּגְזֵירַת שְׁמַד. (דְהַיְינוּ) אַז וֶוער עֶס ווִיל בְּלַייבְּן אִין דֶער מְדִינָה. מוּז עֶר זִיךְ שְׁמַדִין. אוּן אַז נִיט. זָאל מֶען אִים אַרוֹיס טְרַייבִּין פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גִיוֶוען אַ טֵייל וָואס זֵיי הָאבִּין מַפְקִיר גִיוֶוען גָאר זֵייעֶר גוּטְץ מִיט זֵייעֶר עֲשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹיס בְּדַלוּת כְּדֵי זֵיי זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי דֶער אֱמוּנָה זֵיי זָאלִין קֶענֶען זַיין יוּדִין. אוּן אַ טֵייל הָאבִּין רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף זֵייעֶר עֲשִׁירוּת אוּן זֶענֶען דָארְטְן גִיבְּלִיבְּן.

זֵיי הָאבְּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵייעֶר גֶעלְט, זִיךְ זָארְגֶענְדִיג: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶער גֶעלְט?!"

זֶענֶען זֵיי גִיוֶוען אֲנוּסִים בְּצִנְעָא (דְהַיְינוּ פַּארְבָּארְגְן) הָאבְּן זֵיי נוֹהֵג גִיוֶוען דֶעם דַת פוּן יוּדִין. אוּן בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיטָארְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין ווִי יוּדִין.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז דֶער זוּן גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן מַחְמַת עֶר הָאט זֵייעֶר שַׁארְף גִיהַאלְטִין אִין דֶער הַאנְט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף אִים גִימַאכְט אַ בּוּנְט. אַז זֵיי זָאלִין אוֹיף אִים אָן פַאלִין אוּן זָאלִין אִים אוֹיס הַארְגִינֶען אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן צְווִישְׁן דִי שָׂרִים אִיז גִיוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי אֲנוּסִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. נָאךְ וָואס בִּין אִיךְ אֵיין אוֹנֵס. מַחְמַת אִיךְ הָאבּ חַס גִיהַאט אוֹיף מַיין הָאבּ. אוּן אוֹיף מַיין עֲשִׁירוּת. הַיְינְט אַז מֶען וֶועט דֶעם מֶלֶךְ הַארְגִינֶען, אוּן דִי מְדִינָה וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ מֶלֶךְ וֶועט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין לֶעבֶּעדִיקֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגֶען. וָוארִין אַ מְדִינָה קָאן נִיט זַיין אָן אַ מֶלֶךְ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: כְּדֵי אַ זַאךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מוּז עֶס הָאבְּן אַ 'דִיקְטַאטוּר' - אֵיינֶער וָואס פִירְט דִי זַאךְ. דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן סַיי אִין שְׁטוּבּ, אַז דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע דַארְפְן הָאבְּן אַ וָוארְט אִיבֶּער זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז זֵיי דַארְפְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן סַיי אִין חֵדֶר, נָאךְ אִין אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף דֶער מְלַמֵּד אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ דִיסְצִיפְּלִין, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִין קְלַאס, אוּן אִים דַארְף מֶען פָאלְגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל דַארְף דִי טִיטְשֶׁער אַרַיין לֵייגְן אִין אִירֶע תַּלְמִידוֹת אַ דִיסְצִיפְּלִין, אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז דִי טִיטְשֶׁער אִיז דִי פִירֶער אִין קְלַאס, אוּן מֶען דַארְף אִיר פָאלְגְן.

וְוִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ג', מִשְׁנָה

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

א מענטש וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז א גרויסע סכנה צו האבן מיט אים א חברותא'שאפט; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ז'): א מענטש וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז ערגער פון א חי', ווייל אז א מענטש לעבט נישט מיט יראת שמים איז ער מסוגל צו הרג'נען א צווייטן, אזוי ווי אברהם אבינו האט געזאגט פאר אבימלך (בראשית כ, יא): "כִּי אָמַרְתִּי רַק אֵין יִרְאַת אֱלֹקִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה וַהֲרָגוּנִי", ווייל א מענטש אן יראת שמים איז נישט קיין מענטש.

מוהרא"ש האט אמאל דערציילט א מעשה: דער לייב - דער קעניג פון די חיות - האט זיך אמאל ארויסגעלאזט אויף א שפאציר, ער האט זיך געוואלט אינטערעסירן וואס די חיות טוען. צום ערשט האט ער באגעגנט דעם אייזל, פרעגט ער דעם אייזל: "פארוואס ביסטו אזוי צעבראכן?" האט דער אייזל געענטפערט: "ווייל דער מענטש האלט זיך גרויס אויף מיר; ער לייגט ארויף אויף מיר שווערע זעק און פעק, נאכדעם שלאגט ער מיר מיט א שטעקן איך זאל גיין שנעלער, און אויב גיי איך נישט אזוי שנעל ווי אים כאפ איך ביטערע קלעפ", ווען דער לייב האט דאס געהערט האט ער געטראכט: 'איך מוז זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס גרויסט זיך אויף מיינע חיות'. דער לייב גייט ווייטער, קומט צו גיין צו אים א פערד, פרעגט אים דער לייב: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער פערד: "נישט גוט", פרעגט דער לייב: "פארוואס?" זאגט דער פערד: "דער מענטש האלט זיך גרויס אויף מיר; ער רייט אויף מיר און שטויסט מיר מיט זיינע אייזערנע שיך איך זאל גיין שנעלער, און אויב גיי איך נישט אזוי שנעל ווי ער וויל כאפ איך אריין פון אים שטארקע קלעפ", ווען דער לייב האט דאס געהערט האט ער געזאגט: 'איך דארף שוין זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס גרויסט זיך אויף מיינע חיות'. ער גייט ווייטער, זעט ער דעם גרויסן קעמל, פרעגט ער דעם קעמל: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער קעמל: "עס איז מיר זייער ביטער, דער מענטש טראגט מיר אין מדבר מיט א שטריק ארום געבינדן אויף מיין האלז, עס קען אריבער גיין טעג און וואכן וואס איך האב אפילו נישט קיין טראפ וואסער צו טרינקען", האט דער לייב געזאגט: 'איך דארף זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס מאכט ליצנות און געשפעט פון מיינע חיות'. דער לייב גייט ווייטער און זעט א וואלף, דער לייב פרעגט דעם וואלף: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער וואלף: "נישט גוט", פרעגט דער לייב: "פארוואס?" זאגט דער וואלף: "איך בין געווען זייער הונגעריג, בין איך אריין אין א חצר עסן, פלוצלינג זענען געקומען צו לויפן מענטשן מיט שטעקענעס און מיר געגעבן מכות רצח, זיי האבן מיר כמעט גע'הרג'ט, די לעצטע מינוט בין איך אנטלאפן פון זיי!" דער לייב ווערט שוין זייער נייגעריג און זאגט: 'איך מוז שוין זען דעם באשעפעניש וואס רופט זיך: 'מענטש' וואס ער האלט זיך גרויס אויף אלע מיינע חיות'. ענדליך טרעפט דער לייב אן דעם פוקס און פרעגט אים: "זאג מיר פוקס, דו ביסט דאך דער קלוגסטער פון

<<<

ב׳): ״רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר: הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת, שֶׁאִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ, אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוֹ״, אַ לַאנְד קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן קַיין דִיקְטַאטוּר, וַוייל עֶס מוּז זַיין אָרְדְעְנוּנְג אוּן סֵדֶר, אוּן אָן דֶעם צֶעפַּאלְט דִי גַאנְצֶע לַאנְד.

דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט גֵיין אוּן וֶועט אוֹיס זָאגִין דֶעם מֶלֶךְ. אוּן זֵיי זָאלִין נִיט וִויסְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ. אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גִיבּוּנְטְעוֶועט כַּנַ״ל אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ אוּן הָאט אוֹיס גִיפְּרִיבְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אֱמֶת. הָאט עֶר גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים. דִי נַאכְט וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיף אִים אָן גִיפַאלִין הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט. אוּן מֶען הָאט זֵיי דַן גִיוֶוען אִיטְלִיכְן וִוי זַיין מִשְׁפָּט אִיז גִיוֶוען.

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם שַׂר וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין אוֹנֵס. וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דֶער פַאר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִּיל גִיוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אֵיין שַׂר (דְהַיְינוּ פַאר אַ הַאר) דוּ בִּיסְט דוּךְ בְּלוֹיז שׁוֹין אַ שְׂרָרָה. זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין גֶעלְט. דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעלְט. זָאג וָואס פַאר אַ כָּבוֹד דוּ ווִילְסְט. וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּן. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיעֶנְפֶערְט, וֶועסְטוּ מִיר אָבֶּער טָאן וָואס אִיךְ וֶועל זָאגִין. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ. יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלִין. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיזָאגְט שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין אוּן בַּיי דַיין מְלוּכָה. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִישְׁוואוּירִין. הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן. גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז. אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִּית אוּן תְּפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא.

דָא הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן בְּרֶען: דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה פוּן אַ אִיד אִיז דָאס וָואס דֶער אוֹנֵס הָאט גֶעזָאגְט: ״גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז אִיךְ זָאל מֶעגְן לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִלִּין״; מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם: ׳יַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין׳.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין רֶעגִירוּנְג וָואס לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין, מֶען קֶען רוּאִיג לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין אָן קַיין שְׁטֶער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן מִיר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס נֶעמְט אַוֶועק פוּן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין, דָאס אִיז דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט, דַיין בַּעַל הַבַּיִת וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דִיר, דַיין אַרְבֶּעט דַארְף וֶוערְן גֶעטוּן, בִּיסְטוּ אִין אַ נִסָּיוֹן פוּן נִישְׁט גֵיין דַאוֶונֶען, קוּמְט אוֹיס אַז דִי גֶעלְט שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן גֵיין אִין שׁוּהְל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין וִוי אַ אִיד דַארְף טוּן.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ׳אִיךְ דַארְף לוֹיפְן אַרְבֶּעטְן, בַּאלְד וֶועל שׁוֹין גֵיין דַאוֶונֶען, אִיךְ וֶועל מִיךְ שׁוֹין בַּאלְד אַן עֵצָה גֶעבְּן...׳ דֶער טָאג גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן עֶס אִיז נַאכְט, וּבִפְרָט יֶעצְט ווִינְטֶער וָואס דִי טָאג אִיז גָאר קוּרְץ, מֶען גֵייט נָאר אַפָּאר מִינוּט אִין בַּאנְק, מֶען גֵייט נָאר עֶרְלֶעדִיגְן דָאס אוּן יֶענְץ, מֶען גֵייט אַבִּיסְל אִין אָפִיס, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז נַאכְט... דֶער טָאג אִיז פַארְבַּיי; לוֹיף גְלַייךְ דַאוֶונֶען - אַז נִישְׁט דַאוֶונְסְטוּ נִישְׁט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּהְל דַאוֶונֶען, נִישְׁטָא קַיין בִּיזְנֶעס פַארְדֶעם, נִישְׁטָא קַיין בַּאנְק פַארְדֶעם, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא פַארְדֶעם; דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מִנְחָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט וָואס מֶען קֶען שׁוֹין דַאוֶונֶען מִנְחָה, עֶס וֶוערְט דִי זְמַן פוּן ׳מִנְחָה גְדוֹלָה׳, גֵיי דַאוֶוען מִנְחָה, ׳אָבֶּער אִיךְ ווִיל דָאךְ זַיין אַ לְכַתְּחִילָה׳דִיגֶער אִיד, אִיךְ ווִיל וַוארְטְן אוֹיף ׳מִנְחָה קְטַנָּה׳׳ - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: - וַוארְט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף מִנְחָה קְטַנָּה, וַוייל דֶערְנָאךְ דַאוֶוענְסְטוּ נִישְׁט; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מַעֲרִיב, גְלַייךְ בַּיים זְמַן, דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס מֶען קֶען שׁוֹין דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, גֵיי דַאוֶוען מַעֲרִיב.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט וַוייטֶער: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: ״מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי״, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעך אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פִּיס אוּן אִים גֶע׳הַרְגְ׳עֶט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: ׳עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן׳ דָאס אִיז דֶער ׳יֵצֶר הָרָע׳ וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן ווִיל אִים הַרְגְ׳נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי ׳תְּלָתָא פַּרְסֵי׳, דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: ׳אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל׳.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אִין דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט אָן אוֹיסְלָאזְן תְּפִלּוֹת דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֵיידֶער זֵייעֶר וַוייט אַוֶועק פַאלְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה בַּיים סוֹף אַז עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶע פֵייעֶר וָואס וֶוער עֶס אִיז נָאנְט

אלע חיות, וואס קען מען טון מיט דעם ׳מענטש׳ וואס שפעט פון אלע חיות?״ זאגט דער פוקס פארן לייב: ״אדוני המלך, דער מענטש איז שטערקער פון אונז אלע!״ האט זיך דער לייב אויפגערעגט און געזאגט: ״איך וועל טרעפן דעם מענטש און זיך נוקם זיין אין אים איינמאל פאר אלעמאל״.

איין טאג גייט דער לייב אין װאלד, פלוצים זעט ער ווי א ׳מענטש׳ קומט צו גיין, פרעגט דער לייב: ״ווער ביסטו?״ ענטפערט ער: ״איך בין א מענטש״, פרעגט אים דער לייב: ״דו ווילסט זיך פארמעסטן מיט מיר צו זען ווער עס איז שטערקער?״ זאג דער מענטש פארן לייב: ״איך בין גרייט זיך צו פארמעסטן מיט דיר אבער דו דארפסט מיר דא ווארטן, ווייל איך האב איבער געלאזט מיין כח אין שטוב; איך גיי אהיים נעמען מיין כח, ווען איך וועל צוריק קומען וועלן מיר זיך פארמעסטן ווער עס איז שטערקער״, זאגט דער לייב: ״ערלעדיגט, גיי אהיים און איךווארט דיך דא״, האט זיך דער מענטש אנגערופן צום לייב: ״איך האב מורא אז דו וועסט אנטלויפן״, זאגט דער לייב: ״נע, דארפסט נישט מורא האבן, איך ווארט דיר דא״, האט דער מענטש געפרעגט דעם לייב: ״ביסטו מסכים אז איך זאל דיר צובינדן צום בוים אז דו זאלסט נישט קענען אנטלויפן?״ זאגט דער לייב: ״יא״; האט דער מענטש ארום געבינדן דעם לייב און אים דערלאנגט מכות רצח ביז ער האט אים דער׳הרג׳ט...

דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן מיט וועם מען חבר׳ט זיך, כדי מען זאל נישט האבן אזא פנים ווי דער לייב האט געהאטביים סוף.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן פ): ״בְּנֵי אָדָם יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לִמְנֹעַ וּלְהָסִית אֶת הָאָדָם לְרַחֲקוֹ מֵעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא וּמִצַּדִּיקֵי אֱמֶת - יוֹתֵר מִן הַיֵּצֶר הָרָע״, א שלעכטע חבר האט א כח אוועק צו נעמען דעם מענטש פונעם אייבערשטן און פון אמת׳ע צדיקים מער ווי דער יצר הרע; דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן מיט וועם מען חבר׳ט זיך.

אז דו הערסט איינעם רעדן ניבול פה זאלסטו אנטלויפן פון אים; אז איינער שיקט דיר שלעכטע מעסידזשעס און שלעכטע בילדער זאלסטו זיך היטן פון יענעם ווי פון פייער, ווייל ער וועט דיר צו נעמען די וועלט און יענע וועלט, ער וועט דיר בינדן אזוי ווי יענער האט געבינדן דעם לייב און אים גע׳הרג׳ט.

(עצתו אמונה שופטים תשע״ח)

גֶעקוּמֶען אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי הִיץ, אָבֶּער דִי וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהַאט טַלִּית וּתְפִלִּין זַיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי פֵייעֶר - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דִי פֵייעֶר דָאס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַ פֵייעֶר פוּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן אִין דִי פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן, מֶען לֵייגְט יֶעדְן טָאג טַלִּית וּתְפִלִּין, קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר אוּן בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ ווִיל לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין".

דָאס הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוּם עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּפִלַּת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה): "וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז דֶער סֵפֶר זָאל זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער סֵפֶר, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ חַיּוּת אִינֶעם דַאוֶוענֶען".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אֵיינֶעם: דוּ מַאכְסְט דָאךְ שׁוֹין בַּאלְד בַּר מִצְוָה, דַיין זוּן וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד דְרַייצְן יָאר; מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ יוּנְגֶעל פוּן דְרַייצְן יָאר אוּן זָאגְן: "לֵייג תְּפִלִּין!", "טוּ אָן תְּפִלִּין!", דָאס דַארְף מֶען שׁוֹין זָאגְן פוּן דִי צֶען יָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאר'ן קִינְד: "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אַז בַּאלְד גֵייסְטוּ שׁוֹין אָנְטוּן תְּפִלִּין...", "אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן אוֹיף דַיין בַּר מִצְוָה וֶוען דוּ גֵייסְט אָנְטוּן תְּפִלִּין...", "דָאס אִיז מַיין גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דוּ גֵייסְט אָנְטוּן תְּפִלִּין", אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען אוֹיס דֶעם קִינְדֶ'ס קָאפּ עֶר זָאל טְרַאכְטְן גְרָאד, עֶר זָאל ווִיסְן אַז זַיין בַּר מִצְוָה אִיז 'לֵייגְן תְּפִלִּין', דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בַּר מִצְוָה. אָבֶּער אוֹיבּ גְרֵייט מֶען נִישְׁט אָן דָאס קִינְד וָואס דִי בַּר מִצְוָה אִיז, וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן וֶוערְן אַ גָדוֹל, דֶעמָאלְט אִיז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ פַארְנוּמֶען נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי קָאלִירְן פוּן דִי טִישְׁטִיכֶער וָואס גֵייט זַיין בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה, וָואס עֶס גֵייט זַיין דִי מֶענְיוּ בַּיי דִי בַּר מִצְוָה, וָואס גֵייט זַיין דִי פָאר-שְׁפֵּייז, דִי נָאךְ-שְׁפֵּייז, דִי אָנְהֵייבּ שְׁפֵּייז וָואס קוּמְט נָאךְ בֶּעפָאר דִי פָאר-שְׁפֵּייז...

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: וָואס מֶען חַזֶר'ט מִיט קִינְדֶער דָאס נֶעמֶען זַיי אָן; אַ טַאטֶע וָואס זִינְגְט אַ גַאנְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב: "עֶס קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב", "אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן אוֹיף יוֹם טוֹב", "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ יוֹם טוֹב", אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב טַאנְצְט עֶר מִיט דִי קִינְדֶער: "אַ מְחַיֶה יוֹם טוֹב", "דָאס אִיז מַיין שֶׁענְסְטֶע יוֹם טוֹב" - גֵייט דָאס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן יוֹם טוֹב; אָבֶּער עֶלְטֶערְן וָואס קְרֶעכְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב: "אוֹי, עֶס קוּמְט שׁוֹין ווִידֶער יוֹם טוֹב, עֶס קָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם", וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דֶעם יוֹם טוֹב, זַיי וֶועלְן נָאר זוּכְן וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן מִצְוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז נֶעכְטְן צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין סוּכָּה, זָאגֶענְדִיג: "וֶוען נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵייס אִיךְ נִישְׁט וואוּ אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעוֶוען - אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מַמָּשׁ אַוֶועק גֶעפָארְן קַיין עֶירְמָאנְט אוֹיף תִּשְׁרֵי, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט זִיךְ וַוייטֶער גֶעדְרֵייְדט דָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וָואלְט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִינֶעוֵויינִיג וָואלְט אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן - אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, הַלְוַאי עֶס זָאל שׁוֹין קוּמֶען דִי רוּאִיגֶע וָואכְן פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ, לֶךְ לְךָ; אָבֶּער אַ דַאנְק דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיטְ'ן יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ לִיבּ בַּאקוּמֶען דִי יָמִים טוֹבִים" - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: אַז עֶלְטֶערְן קְרֶעכְצְן אָפּ דֶעם גַאנְצְן עֶרֶב אוּן יוֹם טוֹב ווִי שְׁוֶוער דֶער יוֹם טוֹב אִיז - וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט ווִילְן ווִיסְן פוּן יוֹם טוֹב.

מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ עֶלְטֶערֶע פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶעס מָאל עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט אִין גַאס הָאט זִי גֶעוֵויינְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי אוּרְזַאךְ פוּן אִיר וֵויינֶען, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיס צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִיר וָואס אִיר וֵויטָאג אִיז אָבֶּער מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין, אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִיר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן פוּן אִיר וֵויטָאג הָאבְּן זַיי זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס אִיר גֶעוֵויין אִיז, בִּיז זַיי זֶענֶען גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶעם אֶמֶת, אִיר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם הָאט אִינְדֶערְהֵיים פַאר'ן קְרִיג גֶעהַאט אַ פַּרְנָסָה פוּן וַואשְׁן וֶועשׁ, זִי אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועשֶׁערְקֶע, זִי הָאט גֶעדַארְפְט וַואשְׁן דִי וֶועשׁ אוּן אוֹיךְ אוֹיסְטְרִיקֶענֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דְרֵייעֶר, הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֶענְגֶען דִי וֶועשׁ אִינְדְרוֹיסְן עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְטְרִיקֶענֶען, יֶעדֶעס מָאל עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט זִי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, ווַייל זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶענְגֶען דִי וֶועשׁ אִינְדְרוֹיסְן, פְלֶעגְט זִי וֵויינֶען פוּן צַעַר, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער אַלְס מְסוֹרָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן... דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ וֶוען עֶס רֶעגְנְט וֵויינְט מֶען... דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אִידִישְׁקֵייט, וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי עֶלְטֶערְן קְרֶעכְצְן פוּן יוֹם טוֹב, פוּן אַ מִצְוָה, אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן קְרֶעכְצְן צוּלִיבּ אַ סִיבָּה, ווַייל זַיי הָאבְּן נִישְׁט דָאס גֶעלְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער דִי קִינְדֶער וֵויסְן נִישְׁט דִי אוּרְזַאךְ פוּן דָאס וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן, בַּאקוּמֶען זַיי אַ גֶעפִיל אַז מִצְוֹת זֶענֶען בִּיטֶער, מִצְוֹת אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, בִּיז זַיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן פוּן יוֹם טוֹב, זַיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין מִצְוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מַיין בִּנְיָן (הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אַוֶועק גֶעצוֹיגְן), וָואס פְלֶעגְט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט אִיבֶּער פֶּעינְטְן אוּן אִיבֶּער סְקְרֶעיפְּן זַיין גַאנְצֶע דִירָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע פָּארְטְשׁ, כָּשֵׁר צוּ מַאכְן דֶערִין אַ סוּכָּה, אָבֶּער סֻכּוֹת פְלֶעגְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט דָארְט זַיין, אוֹיף סֻכּוֹת פְלֶעגְט עֶר אַרַיין מוּפְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאבּ אִיךְ אִים אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס פָארְסְטוּ אַוֶועק אוֹיף סֻכּוֹת, דוּ הָאסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע פָּארְטְשׁ?" הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס קָאסְט מִיר צוּפִיל דֶער יוֹם טוֹב, דִי פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ"... - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיגְן: "דָאס זִינְגְסְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: "דִי יוֹם טוֹב קָאסְט גֶעלְט..." "דִי יוֹם טוֹב קָאסְט גֶעלְט..." דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ בַּאלְד נִישְׁט ווִילְן ווִיסְן פוּן יוֹם טוֹב צוּ זָאגְן?! דָאס דַארְפְן זַיי הַאלְטְן אִין אֵיין הֶערְן?! מֵילָא דוּ פָארְסְט אַוֶועק צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַלְס כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע, מַאמֶע, מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער - אִיז פֵיין, אָבֶּער פַארְוָואס חַזֶר'סְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער 'דִי יוֹם טוֹב קָאסְט גֶעלְט...'? בַּאלְד אַנְטְלוֹיפְן זַיי פוּן אִידִישְׁקֵייט, זַיי וֶועלְן מֶער נִישְׁט ווִילְן ווִיסְן פוּן מִצְוֹת!!"

מֶען דַארְף חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער ווִי שֵׁיין יוֹם טוֹב אִיז, ווִי זִיס אוּן בַּא'טַעמְ'ט עֶס אִיז דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: זָאג מִיר נָאךְ, דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער: "אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן אוֹיף יוֹם טוֹב", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ יוֹם טוֹב", "עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק".

אֵיי וָואס וֶועט טַאקֶע זַיין מִיט דִי קָאסְטְן פוּן יוֹם טוֹב? דַארְף מֶען ווִיסְן דֶער אִידִישֶׁער בוּדְזשֶׁעט שְׁטוּמְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר; אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ רֶעכֶענֶען וויפִיל דֶער יוֹם טוֹב קָאסְט, דִי קְלֵיידֶער, דִי עֶסְן, דִי רוֹימֶערְקֶע, וְכַדוֹמֶה, אוּן וויפִיל מֶען פַארְדִינְט גֶעהַאלְט, זֶעט מֶען אַז עֶס שְׁטוּמְט טַאקֶע נִישְׁט אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר, אָבֶּער אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב אוּן דִי וַוייבּ בֶּעט גֶעלְט פַאר דִי רוֹימֶערְקֶע - לֵייג אַרַיין דַיין הֶענְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעבּ אִיר גֶעלְט: "דָא הָאסְטוּ גֶעלְט", זִי דַארְף גֶעלְט פַאר קְלֵיידֶער - "דָא הָאסְטוּ גֶעלְט", זִי דַארְף גֶעלְט פַאר עֶסְן, זִי דַארְף מַאכְן אַ אָרְדֶער (בַּאשְׁטֶעלוּנְג) - "דָא הָאסְטוּ גֶעלְט", צֵייל נִישְׁט דַיינֶע גֶעלְטֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן פַאר אַלֶעם.

ווי די הייליגע חכמים זאגן (תענית ח:): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן", געלט וואס מען ציילט נישט האט אַ בְּרָכָה.

איך האב געהערט פון מיין שווער שליט"א נאכזאגן פון זיין זיידן דער ווייטצענער רב זצ"ל: "אַ גוי'ס לעבן קאסט ווינטער אַ דאלער, און זומער אַ קוואדער...", ווייל ווינטער דארף ער וועש זיך ארום צו קליידן זיין גאנצע קערפער אבער זומער איז אים גענוג צוצודעקן געציילטע פלעצער...; אַ גוי קען מאכן חשבונות, זיינע הוצאות שטומען מיט זיינע הכנסות, וואס קאסט שוין זיין לעבן? אבער אַ אידישער לעבן קאסט אסאך, אַ איד גייט מיט אַ רעקל, אַ היט און אַזוי ווייטער, אבער אַז מען ציילט נישט איז דא געלט פאר אלעם.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: בכלל דארף מען וויסן, פארוואס דען איז געמאכט געלט - אויב נישט פאר יום טוב און פאר אנדערע מצות!; געלט איז נישט געמאכט אויף אוועק צו לייגן אונטער'ן מאטראץ.

און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: דא אין ווילִיאמסבורג נעבן מיין באבע עליה השלום האט געוואוינט אַ עלטערע פרוי, איינמאל האבן אירע אייניקלעך איר געוואלט דערפרייען, האבן זיי געמאכט אַן איבערראשונג, איין מאל ווען די באבע איז אוועק געפארן אויף עטליכע טעג, אוועק פון איר הויז, האבן די אייניקלעך געטון אַן אקציע, זיי האבן ארויס געווארפן די באבעס אלטע מאטראץ און אריינגעברענגט אַ נייע געשמאקע באקוועמע מאטראץ, אַ מתנה פאר די באבע, ווען די באבע איז אהיים געקומען און זי האט באמערקט וואס די אייניקלעך האבן געטון מיט איר מאטראץ האט זי שיעור געכאפט אַן הארץ אטאקע פון גרויס עגמת נפש, זי האט דערציילט מיט טרערן ווי זי האט אוועק געלייגט, אסאך יארן, גאר אסאך געלט אינעם לאך פונעם מאטראץ, עס האט געהאלטן ביי בערך אכציג - נײַנציג טויזנט דאלער, און יעצט האט זי פארלוירן די גאנצע געלט... מען האט שוין גארנישט געקענט טון, די גארביטש טראק האט עס שוין געהאט גענומען...

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אנשטאט קרעכצן איבער די געלט וואס די יום טוב קאסט אפ, זינג מיט זיי: "אַ מחיה יום טוב", "עס איז אַזוי געשמאק יום טוב" "איך האב ליב יום טוב".

ביי מיר אינדערהיים, האט מען נאכנישט איבער געפעינט און איבער געסקרעיפט זייט די חתונה, ברוך השם, שוין צוואנציג יאר (אויסער די דיינונג רום וואס די בחורים האבן צוויי מאל איבער געפעינט, און איין מאל אביסל געסקרעיפט ווען מען האט אראפ גענומען אַ וואנט), אלע ווענט האבן שיינע לעכער, און אלע ליילעכער זענען אנגעפארבט מיט אלע קאלירן פון מארקערס וכדומה, אבער עס איז ליסטיג און לעבעדיג.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט איבער גע'חזר'ט דעם לשון וואס דער אונס האט געזאגט: "גאר מיין כבוד איז איך זאל מעגן לייגן טלית און תפילין"; אַז מיינע קינדער לייגן תפילין - דאס איז מיין גרעסטע שמחה, דאס איז מיין פעינטן... דאס איז מיין סקרעיפן... און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט נאך וועלכע משל קען איך געבן, האט אַ אינגערמאן זיך אנגערופן: אַ 'טעלעפאון', האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: דאס איז אויך מיין טעלעפאון... - די גרעסטע פארגעניגען וואס אַ מענטש קען האבן, האט איך פון טלית ותפילין.

ביי מיר קאסט די תפילין צו די בר מצוה פון מיינע קינדער מער וויפיל עס קאסט זיי חתונה צו מאכן, ווייל איך קויף די טייערסטע תפילין, איך קויף צוויי פאר, רש"י און רבינו תם ווי דער הייליגער רבי האט געוואלט. איך געדענק נאך ווען איך בין בר מצוה געווארן האט מיר מיין טאטע שליט"א געזאגט: "יואל'ישל זאלסט וויסן איך האב דיר געקויפט די טייערסטע תפילין, איך פריי זיך זייער אַז דו גייסט שוין באלד לייגן תפילין"; ווען עס איז געקומען בר מצוה מאכן מיינע קינדער האב איך געטראכט צו מיר, 'מילא מיין טאטע האט געהאט ווייניג זון, איך בין געווען כמעט דער בן יחיד, האט ער געצאלט אַזויפיל געלט פאר מיינע תפילין, אבער איך האב דאך מערערע זון אפשר זאל איך נישט קויפן אַזעלכע טייערע תפילין...' אבער איך האב זיך נאכדעם געכאפט: "דאס גייט דאך אריין אין די קינדער, ער הערט ווי זיין טאטע זאגט: זאלסט וויסן איך האב דיר געקויפט די טייערסטע תפילין, איך פריי זיך זייער אַז דו גייסט שוין באלד לייגן תפילין", אַזוי ווי איך געדענקט דאס נאך ביז היינט - דעריבער קויף איך אויך די טייערסטע תפילין'.

רעדנדיג אַז תפילין איז טייערער פון חתונה מאכן האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צום מפיץ וואס צעשפרייט די גליונות היכל הקודש: "דו קענסט שוין אנהייבן צו מאכן די קאפיעס פון די גליון וואס גייט ארויסקומען בעפאר די חתונה פון מיין זון אלחנן חיים נרו יאיר...; מען גייט אריין שטעלן אינעם גליוןביידע חשבונות, סיי דעם אלטן חשבון וויפיל עס האט אפגעקאסט מיין ערשטן זונ'ס חתונה און סיי דעם נייעם חשבון וויפיל עס קאסט די יעצטיגע חתונה, די יעצטיגע חתונה גייט זיין נאך ביליגער ווי די ערשטע; פארשטייט זיך אַז עס קען נישט זיין צופיל ביליגער ווייל וויפיל קען מען דען שניידן פון די פאריגע חתונה, אבער עס גייט זיין מיט אַ דרייסיג - פערציג דאלער ביליגער, די קענדיס פון די באווארפן גייט זיין מיט פופציג סענט ביליגער..."

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: דער עיקר איז אַז די קינדער זאלן ליב האבן ימים טובים און מצות, היינט האט מען געלאכט ביי מיר ביי די סעודה, מיינע קינדער האבן געהאלטן אין איין מאכן דזשאקס און מען האט געלאכט אן אויפהער, דאס איז זייער גוט, דאס וועלן די קינדער געדענקן, די קינדער וועלן געדענקן פון סכות 'אין די סוכה לאכט מען'.

אויב האבן מיר דאס נישט באקומען פון אונזערע עלטערן דארפן מיר זען כאטש איבער געבן פאר אונזערע קינדער, זיי זאלן ליב האבן יום טוב, מצות זאלן זיין אַ באַ'טעמ'טע זאך אַ געשמאקע זאך, וועלן זיי נישט זוכן וואו אוועק צו לויפן.

האט עס דעם מלך זייער גיאהרט מחמת אין זיין גאנצער מדינה טאר ניט זיין קיין יהודים. נאר ער האט אבער קיין ברירה ניט גיהאט מחמת דער שבועה. וואס ער האט אים גישוואוירין אַז וואס ער וועט וועלין זאל ער אים טאן. אין דער פרי איז גיגאנגען דער אונס. און האט גילייגט טלית און תפילין בפרהסיא.

צומאכנדיג דעם ספורי מעשיות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט געציילטע דיבורים איבער שלום בית, און זיך אנגערופן: פונקט ווי דו גייסט חזר'ן מיט דיינע קינדער ווי געשמאק יום טוב איז אפילו דו האלטס נאכנישט דערביי, דו שפירסט נאכנישט דעם געשמאק אין יום טוב, דאך זאגסטו עס מיט דיין מויל אַזויפיל מאל ביז דו האלטסט שוין עכט דערביי, די זעלבע טו אויך לגבי דיין ווייב, זאג איר איך האב דיר ליב, פארברענג מיט איר, פארברענג מיט דיינע קינדער אפילו דו האלסט נאכנישט דערביי... אבער אַזוי וועסטו זיי באמת ליב האבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן אַ שיינע לעבן, אמן.

(ספורי מעשיות, מעשה ד', חלק א', פארגעלערנט שבת קודש, די ערשטע טאג סכות, אין סוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן)